## די חשיבות פון די אינטשטע וואך פונעם יאר

קומענדיגע וואך איז בעצם די אינטעשטע וואך פון דעם יאר תשפ״ו. קומענדיגע שבת איז שוין שבת ערב סליחות, ערב ראש השנה, וואס ווערט שוין פאררעכנט אלס די התחלה פון די ימי הרחמים והרצון פונעם קומענדיגן יאר. מען דארף דאך וויסן, מען דארף זיך ארייטראכטן און מאכן א חשבון: וואס קען מען אויפטון אין די קומענדיגע זיבן טעג? וואס קענען מיר אויפטון? וואס קען מען טראכטן און וואס קענען מיר טון, כדי צו מאכן א התעלות, א דערהויבנקייט, א נאנטקייט און א תיקון?

## דער חילוק צווישן ״ויקרא״ און ״ויקר״ - התקרבות

עס איז דא א מורא׳דיגע ״שם משמואל״ אין די וואכעדיגע פרשה (תרע״א), וואו ער זאגט א הפלא׳דיגע זאך; אין קורצע ווערטער ברענגט ער ארויס די גאנצע עבודה.

ער ברענגט א מדרש וואו די רבנן זאגן, אז מיר זעען אז ווען דער הייליגער באשעפער האט געגעבן פאר משה רבינו די תורה הקדושה, האט ער עס אים געגעבן ״בקריאה״. דאס טייטש, דער אייבערשטער האט אים גערופן: ״ויקרא ה׳ למשה אל ראש ההר״ – דער אייבערשטער האט אים ארויפגערופן, ״ויעל משה״. די זעלבע זאך האט משה רבינו געטון ווען ער איז געקומען איבערחזר׳ן די תורה מיט די אידישע קינדער פאר זיין פטירה; ער האט געזאגט פאר די אידישע קינדער: ״כשם שקיבלתי את התורה בקריאה״ – אזוי ווי איך האב מקבל געווען די תורה דורך דעם וואס דער רבונו של עולם האט מיר גערופן, אזוי וועל איך איבערגעבן די תורה פאר זיינע קינדער בקריאה, ״ויקרא משה אל כל ישראל״. משה רבינו האט גערופן אלע אידן.

דער ״שם משמואל״ ברענגט וואס זיין טאטע, דער ״אבני נזר״, שרייבט: וואס איז דער חילוק צווישן ״ויקרא״ וואס שטייט ביי משה רבינו, און ״ויקר״ וואס שטייט ביי בלעם הרשע? נאר ״ויקרא״ מיינט אז מען רופט יענעם: ״קום צו מיר״, אבער ״ויקר״ מיינט אז מען טרעפט זיך צו יענעם.

דער הייליגער באשעפער האט גערופן משה רבינו צו זיך, ער האט אים אויפגעהויבן און אים געברענגט צו די העכסטע מדרגות, כדי ער זאל זיין ראוי צו שטיין פאר די שכינה הקדושה. אבער בלעם איז געבליבן ״בטינופו״ – ער איז געבליבן אין זיין שמוץ, אין זיין זוהמא און אין זיין טומאה, פונקט ווי ער איז געווען פריער. נאר לכבוד ישראל איז דער דיבור געגאנגען צו אים, אבער ביי אים אליין איז נישט געווען קיין שום שינוי און ער איז גארנישט נתעלה געווארן. דאס איז ״ויקר״ – מען טרעפט זיך צו אים. מה שאין כן ביי משה רבינו איז געווען ״ויקרא״ – דער אייבערשטער האט אים גערופן צו זיך, ממילא האט ער אים געדארפט אויפהייבן ער זאל זיין ראוי און קענען אנקומען.

זאגט דער מדרש, און דאס איז דער פשט לויט׳ן ״שם משמואל״: ווען דער הייליגער באשעפער האט געגעבן די תורה הקדושה פאר משה רבינו, פרעגט דארט די גמרא אין יבמות (ק״ב.) א גאנצע שמועס: וכי משה היה הגון ללמוד תורה מפי הגבורה? וואס איז דער תירוץ? דער אייבערשטער האט אים אויפגעהויבן און אים געמאכט ראוי. טאמער משה רבינו וואלט נישט געווען ראוי, זאגט דער ״שם משמואל״, וואלט דאך די קבלת התורה געווען שלא בשלימות. עס מוז זיין אז משה רבינו איז דערהויבן געווארן אויף די העכסטע מדרגה, כדי ער זאל טאקע זיין ראוי מקבל צו זיין די תורה און עס איבערגעבן פאר די אידישע קינדער.

האט משה רבינו געזאגט איך געב איבער די תורה אויפן זעלבן אופן. לכאורה איז דער פשט אז משה רבינו האט געזאגט: איך גיי יעצט נעמען די אידן און זיי אויפהייבן אויף די העכסטע מדרגה, זיי זאלן זיין ראוי צו די ריכטיגע קבלת התורה.

אויב אזוי, פרעגט דער ״שם משמואל״, פארוואס האט משה רבינו דאס נישט געטון גליידך אין אנהויב? פארוואס האט ער געווארט ביז יעצט, ביז סוף ימיו ווען ער מאכט ״משנה תורה״? פארוואס יעצט, ווען ער חזר׳ט איבער די תורה, הייבט ער זיי אויף צו די מדרגה?

## די מדרגות פון נבחר ולא נתקרב ביי די אבות

זאגט דער ״שם משמואל״ א הפלא׳דיגע תשובה: עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק ״אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב״, אז עס זענען דא דריי מדרגות: עס איז דא ״נבחר ולא נתקרב״ – דער אייבערשטער קלויבט אים אויס אבער ער איז אים נישט מקרב; עס איז דא ״קרבם ולא בחרם״ – דער אייבערשטער איז מקרב אבער ער האט זיי נישט אויסגעקליבן; און עס איז דא ווער עס איז סיי ״נבחר״ און סיי ״מקרב״.

אברהם, יעקב און דוד האט דער אייבערשטער בוחר געווען אבער נישט מקרב געווען – זיי האבן זיך אליין מקרב געווען. יתרו און רחב זענען נתקרב געווארן אבער נישט נבחר געווארן – זיי האבן זיך אליין אויסגעקליבן. אהרן הכהן איז געווען סיי נבחר און סיי נתקרב.

ממילא פארשטייען מיר שוין: ווען משה רבינו האט איבערגעגעבן די תורה פאר די אידן (ביים בארג סיני), האט ער זיי נישט גערופן. ער האט געוואלט זיי זאלן זיין אין די מדרגה פון אברהם, יעקב און דוד – אז זיי זאלן זיין נבחרים, אבער זיי זאלן זיך אליין מקרב זיין. עס איז א גרעסערע זכות פאר אידישע קינדער ווען זיי זאלן זיך אליין מקרב זיין. אבער יעצט, ווען משה רבינו האט שוין געהאלטן ביים נפטר ווערן מן העולם, האט משה רבינו געזאגט: ״וְלֹא נָתַן ה׳ לָכֶם לֵב לָדַעַת״, אויב אזוי, ״וְאִם לֹא עַכְשָׁיו אֵימָתַי״ – האט משה רבינו זיי געוואלט משלים זיין אויף די העכסטע מדרגות, ״וַיִּקְרָא מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל״. משה רבינו האט זיי אלע גערופן און זיי יעצט געמאכט די השלמה, ער האט זיי אויפגעהויבן אויף די העכסטע מדרגות.

## די בחינה פון ״עד תומם״ און די קריאה פון חודש אלול

ברענגט דער ״שם משמואל״ די ווערטער פונעם ״חידושי הרי״ם״ אויפן פסוק ״וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה... אֶת דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת עַד תֻּמָּם״. פארוואס שטייט ״עד תומם״? ווייל משה רבינו האט זיי געמאכט תמימים ושלמים. פאר ער איז ארויפגעגאנגען לחיי עולם הבא, האט

משה רבינו זיכער געמאכט אז די אידישע קינדער זענען צוגעקומען צו די מדרגה פון תמימים ושלמים.

זאגט דער ״שם משמואל״: א גאנץ יאר זענען מיר אידן אין א בחינה פון ״נבחרו ולא נתקרבו״ – דער אייבערשטער וויל מיר זאלן זיך אליין מקרב זיין. אבער מיר האלטן שוין ביים סוף יאר, מיר האלטן שוין כמעט ביי ״וכל באי עולם יעברון לפניו כבני מרון״, ואם לא עכשיו אימתי. **ממילא, זאגט ער, אלול פאר ראש השנה איז די בחינה פון די קריאה פונעם שופר של אלול – אז דער אייבערשטער אליין איז אונז מקרב צו אים. חודש אלול זענען ימי רצון, ווען דער אייבערשטער לייגט אריין א רצון צו עבודת השם, ״כמים הפנים אל הפנים״.**

זאגט דער ״שם משמואל״: **״וצריך כל אחד להשגיח על עצמו שלא יהיה שוטה המאבד מה שנותנים לו״. דו האסט יעצט אין חודש אלול אזא מין געלעגנהייט? דו האסט אזא מדרגה אז דער אייבערשטער קומט צו אונז מיט א ״ויקרא״ און ער איז אונז ממשיך צו אים? זיי נישט קיין שוטה און פארליר נישט דאס וואס מען גיט דיר!**

אויב מען גלייבט אין די ווערטער, מען אנערקענט זיי און מען פארטיפט זיך אין זיי, זעען מיר אז מיר האבן א גוואלדיגע זכיה. צוויי וואכן פון אלול זענען שוין אדורך. די וואך, ווען מיר שטייען שוין אזוי נאנט צו די ימי הסליחות און צום לעצטן שבת פונעם יאר, ווען מיר שטייען שוין אזוי נאנט צו ״וכל באי עולם יעברון״, דארף א מענטש זיך אריינטראכטן: דער רבונו של עולם איז קרוב, ער איז דא – ״דרשו ה׳ בהמצאו״. יעצט ווען דער אייבערשטער זאגט: ״יעצט קלויב איך דיך אויס און יעצט בין איך דיך מקרב״, ער גיט אונז יעצט ביידע מתנות – ער איז אונז סיי בוחר און סיי מקרב – דארפן מיר זען דאס נישט מדחה צו זיין, חלילה. מיר זאלן נישט זיין קיין ״שוטה שמאבד מה שנותנים לו״.

## עבודת התפילה: אן עבודה אן אנוכיות

מען דארף זיך אריינטראכטן: די עבודת התפילה איז אן ״עבודה שבלב״. ווען א מענטש דאוונט פאר זיך, קען ער אמאל טראכטן אז ער קען מוותר זיין אויף זיין תפילה, ווייל ער האט יעצט נישט די כוחות צו דאווענען. אבער ווען א מענטש אנערקענט באמת אז מען דאווענט בכלל נישט פאר זיך – תפילה האט דאך קיין שום שייכות נישט מיט דיר, עס איז נישטא קיין ״אנכי״, עס איז דאך נאר דא אן ״אנכי ה׳ אלקיך״. אונזער גאנצער תפקיד אויף דער וועלט איז נישט זיך אליין צו דינען. **דער אייבערשטער האט אונז נישט געגעבן די ״עבודה שבלב זו תפילה״ פאר אונזערט וועגן; דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די עבודת התפילה ווייל דאס איז די עבודת הקרבנות. די עבודת הקרבנות איז נישט געווען פאר דיר, עס איז געווען אן ״אשה ריח ניחוח לה׳״. די תפילה, וואס איז במקום הקרבנות, איז אן ״אשה ריח ניחוח לה׳״.**

## דאווענען ווי דער כהן גדול אין קדשי קדשים

מיר דארפן דאווענען מיט דער אנערקענונג און מיט דער ידיעה, אז די עבודה וואס מיר טוען יעצט איז ווי די עבודה פונעם כהן גדול אין קדשי קדשים. **עס שטייט אין די ספרים הקדושים, אז ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען, דארף ער טראכטן ביי זיך אז ער שטייט יעצט אין קדשי קדשים יום כיפור, ווייל א איד דאווענט פארן אייבערשטן.** עס איז א מצוה, עס איז א התחייבות, און עס איז א מתנה. א מתנה וואס דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא געבט פאר אונז, דאס אליין מחייב אונז שוין. מיר דאווענען נישט פאר זיך, מיר דאווענען ווייל ״הקדוש ברוך הוא מתאוה לתפילתן של צדיקים״. דער אייבערשטער וויל זען זיינע קינדער דאווענען, און מיר דארפן ווייזן פארן אייבערשטן אונזער הכרת הטוב, אונזערע געגועים און אונזער ליבשאפט צום אייבערשטן, וואס מיר געבן ארויס מיט יעדן אות פון דער תפילה, ממש יעדן אות, כביכול אלס א תאווה צו דער תפילה.

מען דארף זיך אריינטראכטן און זיך אריינלייגן אין א געוואלדיגע עבודת הקודש, מיט א צמצום המוח און א התפשטות הגשמיות, וואו עס איז נישטא קיין שום אנוכיות.

דער אמת איז, אז אסאך מאל טראכט מען זיך אריין ווי מען קען ביים דאווענען בעטן אייגענע צרכים, ביי ״כי אתה שומע״ אדער ביי ״אלקי נצור״, אבער דער אמת איז, אז א איד דארף אזוי דאווענען אז ער זאל אויסטרעטן פון שמונה עשרה און פארגעסן פון זיך אליין; ער זאל אפילו נישט געדענקען אז ער האט געדארפט טראכטן פון זיך. וואו איז דא פלאץ פאר דעם? וואו איז דא א מקום? וואו קומט עס אריין? מען דאווענט דאך פארן אייבערשטן, מען זאגט די ווערטער וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען ברוח הקודש. מיר ווייסן אז דאס געבט כביכול א כח אין דער פמליא של מעלה; דאס איז דער רצון הבורא, אז דאס זאלן מיר זאגן און דאס זאלן מיר דאווענען, אז די ווערטער זאלן ארויסגעזאגט ווערן. מיר דארפן עס געבן פארן אייבערשטן מיט שמחה, מיט דער גאנצער הארץ, מיט א ברייטקייט, און מיט אן אוועקגעבונג פונעם זמן. **דער זמן איז נישט מיינער, דאס איז קודש קדשים, דאס איז מוקדש לה׳, דאס איז הקדש. דאס איז נישט קיין צייט וואס איך קען נוצן פאר מיר – נישט מיין מחשבה, נישט מיין דיבור און נישט מיין מעשה. דאס איז קודש לה׳, אלע רמ״ח אברים ושס״ה גידים, מחשבה דיבור ומעשה, דארפן זיין איבערגעגבן מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, מיט א ליבשאפט און מיט א דביקות הבורא. יעצט דאווען איך.**

## צמצום המוח אין תורה און מצוות

און די זעלבע זאך איז ווען מען לערנט תורה, ווען מען איז מקיים מצוות אדער מעשים טובים, דארף מען האבן א צמצום המוח. יעצט איז א זמן פון דביקות, **יעצט גיי איך אריין אין דעם ״יחוד שטיבל״, לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה. מיר זענען זיך מייחד מיט קודשא בריך הוא ושכינתיה – ״אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד״ – וויאזוי קומען דא אריין וועלטליכע ענינים?**

מען לערנט תורה; מען דערציילט אז רבי עקיבא אייגער האט געקענט לערנען צען שעה ברציפות, און אין די צען שעה האט ער אפילו נישט איין מאל ארויסגענומען די אויגן פונעם ספר וואס ער האט געלערנט. אפילו נישט איין מאל! אזוי מצומצם און אזוי אריינגעטון אין אהבת

התורה און אהבת הבורא, אין דער קדושה און טהרה פון דער תורה הקדושה.

און די זעלבע זאך איז אין יעדן ענין, יעדע מצוה, יעדע מחשבה, דיבור אדער מעשה וואס א מענטש טוט ווען ער גיבט זיך אפ פארן אייבערשטן "לה' ולתורתו". מען דארף זיך צוגעוואוינען אז דאס זאל קומען מיט א צמצום המוח, מיט א התפשטות הגשמיות און מיט א דביקות הבורא.

## די נויטיגקייט פון שמחה אין עבודת השם

און יעצט אין דער וואך, דער רבונו של עולם גיבט אונז די כוחות. דער אייבערשטער איז אונז בוחר, דער אייבערשטער הייבט אונז אויף און ער הייבט אונז אונטער, "ויקרא אל בני ישראל" – דער אייבערשטער רופט אונז צו זיך. ער גיבט אונז אלע כוחות פון "עד תימם", אז מיר זאלן זיין תמימים ושלמים, מען דארף עס נאר אויסנוצן.

מען דארף טאקע טון אלעס וואס מיר קענען דורך לערנען מוסר, דורך חסידות, דורך מאכן א חשבון הנפש, דורך מאכן די ריכטיגע הכנה און טון למעשה זיך מקרב צו זיין צום הקדוש ברוך הוא במחשבה, דיבור ומעשה, מיט וואס עס איז נאר שייך.

**אבער צו אלע די זאכן קען מען נאר צוגיין אויב מען איז נישט באזארגט; עס טאר נישט זיין קיין דאגה. אויב א מענטש האט פחדים אדער דאגות, קען ער נישט צוקומען צו דעם. און דאס שטייט דאך אין דער פרשה: "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה".**

## אורה לצדיקים ושמחה לישרים

די גמרא ברענגט אין מסכת מגילה (ט"ז), און דער הייליגער חידושי הרי"ם זאגט אויף דעם: "לא הכל לאורה ולא הכל לשמחה, צדיקים לאורה - 'אור זרוע לצדיק'". א צדיק דארף האבן אן אורה. פארוואס? זאגט דער חידושי הרי"ם, ווייל דורך דעם אור זעט ער דעם דרך הישר וויאזוי צו גיין אין עבודת ה'.

אבער די ישרים, זאגט די גמרא, זענען "לשמחה". דורך דעם וואס א מענטש איז שטענדיג בשמחה, אפילו ווען ער האט נישט דעם אור ווי דער צדיק, וועט ער משיג זיין דורך דער שמחת הלב די ריכטיגע עבודה וואס ער דארף צו טון. אזוי טייטשט ער אויס די גמרא: "לא הכל לאורה ולא הכל לשמחה". צדיקים האבן די מדרגה פון אורה; אויב דו האסט עס נישט, האסטו שמחה, וואס דאס איז פאר די ישרים. מיט דער שמחה וועסטו קומען צו דער השגה און דו וועסט וויסן וואס איז דער ריכטיגער וועג וואס דער אייבערשטער וויל פון דיר.

און דאס זאגט דער אר"י הקדוש: "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל". ווייל וויבאלד א מענטש איז נישט בשמחה, קומט די תוכחה, ווייל דאס איז דער גורם אז ער טוט עס נישט ריכטיג. אבער ווען א מענטש איז בשמחה, איז ער זיך מבטל צום אייבערשטן במחשבה, בדיבור ובמעשה. און אז א מענטש איז א נכנע, אן ענוותן און שפל ברך, און ער איז מבטל זיינע רצונות צום רצון השם, דורך דעם טרעפט ער דעם וועג, און דער אייבערשטער העלפט אים ער זאל טרעפן דעם ריכטיגן וועג כדי ער זאל נישט חוטא זיין, ער זאל נישט זינדיגן און נישט פארקריכן.

ממילא, אויב עס איז געשען אז א מענטש איז חלילה פארקראכן ביז מען האלט ביי דער תוכחה, זאגט דער פסוק אין דער תורה הקדושה: דאס איז ווייל דו האסט נישט געדינט דעם אייבערשטן בשמחה, און ממילא האסטו נישט געהאט דעם דרך הישר. שמחה ברענגט אז א מענטש זאל שטענדיג זיין בדרך הישר, און חלילה וחלילה דאס פארקערטע – איך וויל עס נישט ארויסזאגן.

## זיך היטן פון מרה שחורה און עצבות

דער הייליגער רוז'ינער טייטשט אויפן פסוק "והיה אם שכוח תשכח את ה' אלקיך": אז א מענטש פאלט אריין אין א מרה שחורה, "והיה" – דאס מיינט שמחה, "אם שכוח" – אויב מען פארגעסט די שמחה, ווייסטו וואס עס וועט חלילה געשען? "תשכח את ה' אלקיך" – דו וועסט פארגעסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, ווייל "עוז וחדוה במקומו".

זאגט דער הייליגער רוז'ינער: זאלסט וויסן אז מרה שחורה האט נאך א זאך; ווען א מענטש איז בעצבות ובמרה שחורה, ווערט ער אפגעריסן פון דביקות הבורא. מען קען נישט זיין דבוק אינעם אייבערשטן ווען א מענטש געפינט זיך אין א מצב פון עצבות ומרה שחורה. **ממילא טאר מען נישט האבן קיין זארגן, קיין מורא, און אפילו נישט קיין פחדים פונעם יום הדין.** מען דארף זיין גענוג באזארגט כדי אינזין צו האבן גוט דעם "סלח לנו" די וואך, גוט אינזין צו האבן ביי "תחנון", און צו מאכן א חשבון הנפש פארן שלאפן גיין. אבער ביז אהער, דאס איז עס; נישט מער, נישט פארדעם און נישט נאכדעם. גיי ווייטער אן אין לעבן, מאך תיקונים, און זיי זיך מדבק אינעם אייבערשטן בשמחה ובטוב לבב. דאס אליין אז מיר האבן די זכיה, מיר האבן נאך די וואך, מיר האבן די זכיה פון "ויקרא אל בני ישראל" – אז דער אייבערשטער רופט אונז צו זיך – דאס אליין דארף אונז שוין משמח זיין.

## די כח פון א שמייכל: די מעשה פון רבי אביגדור מילער

עס איז דא א באקאנט ווארט פון רבי אביגדור מילער זצ"ל, אבער דער ביאור דערויף איז נישט אזוי באקאנט. עס ווערט דערציילט אז א איד איז אמאל צוגעגאנגען צו רבי אביגדור מילער אין די הייליגע טעג און אים געפרעגט וואסערע הכנה ער קען מאכן פארן יום הגדול והנורא, פארן יום הדין. **האט ער אים געענטפערט – ער האט דאך גערעדט די אמעריקאנישע שפראך – ער האט געזאגט: "סמייל" (Smile), ער זאל האבן א שמייכל אויפן פנים.** יענער האט געמיינט אז דער רב איז שוין אפשר אביסל פארעלטערט און האט נישט גוט געכאפט די שאלה.

האט רבי אביגדור אים געזאגט: "ניין, ניין, איך ווייס פונקטליך וואס איך האב געענטפערט. סמייל, האב א גוטן שמייכל." אבער אזוי ווי ער האט געזען אז מען פארשטייט אים נישט, האט ער עס מסביר געווען מיט א הפלא'דיגע זאך.

עס איז אמאל געווען א בעל הבית פון א גרויסן געשעפט וואס האט געוואלט מאכן א חשבון פון די הכנסות און הוצאות פונעם געשעפט. ער איז געגאנגען פון איין אפטיילונג צו די אנדערע, און אויף איין פלאץ האט ער געזען אז עס זענען דא צופיל ארבעטערס וואס מען דארף נישט האבן. עס איז א גרויסע הוצאה, די הכנסה דארטן איז נישט אזוי גרויס, און עס פעלט פשוט נישט אויס. ער האט געוואלט ארויסווארפן א גרויסן חלק פון די ארבעטערס אין יענע אפטיילונג. האט אים זיין מענעדזשער געזאגט: "גוט, אבער איין זאך: עס איז דא דא איין ארבעטער וואס מוז דא בלייבן." פרעגט דער בעל הבית: "פארוואס מוז ער בלייבן?" ענטפערט דער מנהל: "ווייל ער שמייכלט צו די קונדן, צו די קאסטומערס. ער נעמט זיי אויף אזוי שיין מיט א שמייכל און א גוט ווארט, און דאס ציט די קונדן אז זיי זאלן קומען דא איינקויפן. אים קען מען נישט אוועקשיקן."

האט רבי אביגדור מילער אויסגעפירט, אז אויבן אין הימל, ווען "כל באי עולם יעברון לפניו כבני מרון", **זעט דער אייבערשטער אז עס איז דא א איד וואס האט א שמייכל, א איד וואס מקרב זיין אנדערע אידישע קינדער מיט זיין ליבשאפט, מיט זיין ווארימקייט, מיט זיין שמחת החיים און נעימות החיים – ער איז מקדש שם שמים. דאס אליין איז שוין א גענוגיגער לימוד זכות און א מליץ יושר אוועקצושיקן אלע מקטרגים פון אים. דאס איז א טיף און עמוק'דיג ווארט וואס א איד דארף וויסן.**

דער בית דין של מעלה איז אזוי ווי א בית דין של מטה. א איד וואס האט א שמייכל פאר זיך און פאר יענעם, א איד וואס ווייזט אז אפילו אין די שווערסטע מינוטן, ווען א מענטש מאכט א חשבון הנפש: "וואו האלט איך מיט'ן יאר? וואס האב איך אויפגעטון? בין איך געגאנגען עליות אדער נפילות?" מען טראכט אריין אז "כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא". הלואי זאל מען האלטן ביי די מדרגה אז מען דארף נאר זוכן א קוצו של יו"ד; עס כאפט דאך א פחד.

## איבערקומען די פחדים פונעם יאר מיט אמונה

חוץ פון דעם זענען דאך דא די פשוט'ע פחדים. כלל ישראל איז אריבערגעגאנגען דעם זומער זייער שווערע צייטן. שוואר מבית ומבחוץ, אין יעדע משפחה, אין יעדן לאנד און אין יעדן זייט וועלט – דער אייבערשטער זאל שומר ומציל זיין. מען איז אריבערגעגאנגען אזויפיל שוועריגקייטן, אז עס ווארפט זיך אויטאמאטיש א פחד, און יעדער ציטערט פאר שרעק וואס עס גייט אויף אים פארשריבן ווערן. יעדער האפט אויף דאס בעסטע און שענסטע.

מען דארף אבער געדענקען אז דער אייבערשטער פארטראגט נישט קיין טרויערקייט. נישט נאר ער פארטראגט עס נישט, נאר דארט עקזיסטירט עס נישט, ווייל "עוז וחדוה במקומו". **די שמחה אז איך בין א איד, די שמחה אז מען קען תשובה טון, די שמחה אז ביי אונז איז דא אן עולם הבא און אונזער גאנצע תכלית אויף דער וועלט איז פארן עולם הבא. די שמחה אז מיר האבן א תורה, מיר האבן מוסר,** מיר האבן חסידות, מיר האבן וואס צו הערן און וואס צו זען; מיר האבן זיך אין וואס אנצושעפענען און אין וואס עוסק צו זיין, מיר האבן זאכן וואס זאלן אונז משמח זיין – דאס אליין איז די גרעסטע שמחה. און דער היילגער באשעפער, וואס ביי אים איז "עוז וחדוה במקומו", קען מען דארט אויך גיין; אז עס איז דא שמחה, איז דא אלעס. א מענטש דארף לעבן מיט אן ערנסטקייט פון "וגילו ברעדה", אבער עס דארף זיין מיט א געוואלדיגע שמחת החיים, א נעימות החיים, אן אויפגעלייגטקייט און א פרייליכקייט. עס איז א קידוש כבוד שמים צו זען א מענטש בשמחה, צו זען א מענטש ווי ער פרייט זיך און דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף "שלא עשני גוי" און אויף "אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו".

## דער יצר הרע און די אפקילונג אין אמונה פשוטה

רבי אליהו לאפיאן זצ"ל האט אמאל געזאגט אזוי: לכאורה שטעלט זיך א קשיא, מען זעט אין די פריערדיגע דורות אז אין חודש אלול און תשרי זענען געווען בכיות, צעקות און א גרויסע אנגעצויגנקייט, און מען זעט עס נישט אויף דעם פארנעם היינט.

האט ער מסביר געווען א מורא'דיגע נקודה וואס מען דארף זיך דערין אריינטראכטן. ער האט געזאגט א משל: ווען א וואלף קומט און כאפט אן א שעפסעלע ביי די פיס, וועט דאס שעפסעלע פרובירן זיך ארויסצורייסן; עס וועט קרעכצן, וויינען, מאכן קולות און טון אלעס וואס עס קען זיך ארויסצודרייען. אבער אמאל קען מען זען ווען א וואלף נעמט א שעפסל און דאס שעפסל רירט זיך נישט פון פלאץ, עס איז שטיל און אונטערגעגעבן. דאס פאסירט ווען דער וואלף האלט אים אן ביים האלדז, ביים "אבר שהנשמה תלויה בו"; דעמאלטס ווייסט דאס שעפסעלע אז עס איז שוין נישטא וואס צו מאכן און מען דארף זיך אונטערגעבן, ווייל פון דארט קען מען שוין נישט ארויסגיין.

זאגט ער: אמאליגע צייטן האט דער יצר הרע אנגעכאפט דעם עולם ביי די פיס, און היות ער האט נישט אנגעכאפט קיין אבר שהנשמה תלויה בו, האט מען געקענט שרייען. היינט אבער איז ער געגאנגען און כאפט אונז אן באבר שהנשמה תלויה בו. וועלכע אבר איז דאס? דער אבר רופט זיך "אמונה". דער יצר הרע שפילט זיך מיט די אמונה פון א איד; ער נעמט א איד און ער קילט אפ די אמונה, די אמונה פשוטה אין דעם באדייט פון א יום הדין, די אמונה פשוטה אין "כי זכר כל היצור לפניך בא, מעשה איש ופקודתו ועלילות מצעדי גבר". ער לאזט אונז נישט אריינטראכטן, ער גיט אונז נישט די צייט, דעם ישוב הדעת און די מנוחת הדעת זיך אריינצוטראכטן.

די טיפקייט פון די ווערטער איז, אז ער ציהט אריין א איד וואס האט אמונה - און ווודאי האט ער אמונה, ער גלייבט דאך אין "אין עוד מלבדו", ער גלייבט אין "לית אתר פנוי מיניה", און ער גלייבט אז עס קומט א יום הדין.

נאר וואס דען? ביי די אמונה פשוטה האט דער יצר הרע געמאכט א נייע, פאלשע אמונה. ער טענה'ט: דער אייבערשטער איז דאך אזא גוטער, דער אייבערשטער איז דאך אזא וואוילער, דער אייבערשטער האט דאך אזוי פיל רחמים און חסדים, "אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו". לאז נאך, דער אייבערשטער פארשטייט, מען קען נעמען א רואיגן אלול תשפ"ו. דאס איז א פאלשע אמונה; דאס איז כולו גאות, כולו אנוכיות, און כולו תאוות. דאס שטאמט פונעם מקור התאוות און עס האט אין זיך נישט קיין שום ערנסטקייט. ווייל

כאטש דער אייבערשטער וויל שמחה און ער וויל עס זאל זיין גוט, אבער יעדע זאך האט איר צייט.

א מענטש קען נישט נעמען א מצה, עס לייגן אויפן טיש און זאגן: ״דער רבונו של עולם פארשטייט אז ס׳איז דא א חולשת הדורות, אין די היינטיגע צייטן קען מען זיך נישט אזוי יאגן, מען קען נישט יעדע מינוט וועלגערן און מען קען נישט אנכאפן די טייג; דער אייבערשטער וועט שוין אנהייבן די מצות און ער וועט שוין מאכן אז עס זאל נישט חמץ ווערן.״ דער אייבערשטער וועט שוין פארשטיין? דער אייבערשטער דארף אויך פארשטיין אז מיר האבן נישט קיין כח אויפצושטיין קריאת שמע ליינען, זאל דער אייבערשטער ליינען קריאת שמע פאר אונז? אזוי ווילן מיר אז דער אייבערשטער זאל אונז פארשטיין? דאס איז דאך די שפראך וואס די משכילים, די נעאלאגן, די אפיקורסים און די מינים האבן גערעדט. דאס האט מען גערעדט אין דייטשלאנד נעבעך אין יענע צייטן, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. דאס איז נישט אונזער שפראך.

## די ספעציפישע עבודה און צורה פון אלול

יעדע זאך האט איר זמן. עס איז דא א זמן פון רואיגקייט, און עס איז דא א זמן פון שרייען. **אלול און תשרי שרייט מען, אלול און תשרי וויינט מען, אלול און תשרי שאקלט מען זיך און מען ציטערט - אזוי קומט עס, דאס איז די עבודה**.

סוכות שאקלט מען דעם לולב מיט דעם אתרוג, ראש השנה בלאזט מען שופר, און די עבודה פון די יעצטיגע צייט איז אויפגעשאקלט צו ווערן. ״אריה שאג מי לא ייראּ״ - דער לייב שרייט, קען דען זיין אז דער עולם זאל נישט מורא האבן?

מען דארף יא מורא האבן, נאר עס דארף זיין א בחינה פון ״וגילו ברעדה״. דאס איז דער חסרון אין אמונה: נישט צו וויסן אז יעדע זאך האט איר ספעציפישע עבודה. עס איז דא אן עבודה פון זאגן תהלים יעדן טאג אין אלול, לערנען מוסר, שרייען און דאווענען. ניין, מיר רעדן נישט דא פון די עבודה פון תעניתים וסיגופים, מיר רעדן פון די עבודה פון שרייען און ארויסגעבן די הרגשים.

יא, די צייט פון אלול און תשרי איז א זמן פון הרגשים, הונדערט פראצענט. שמחת תורה איז דא איין סארט הרגש, הושענא רבה איז דא א צווייטע סארט הרגש. יום כיפור איז דא א הרגש ביי שחרית אויף איין וועג, ביי מוסף אויף א צווייטן וועג, און ביי נעילה אויף א דריטן וועג. יעדע זאך האט איר אופן און איר צורה, און דאס איז אלול - **מיר דארפן ארויסגעבן די ״צורת אלול״. עס דארף אויסקוקן ווי אלול.** תשעה באב האט א צורה, פורים האט א צורה, ערב פסח האט א צורה און די סדר נאכט האט א צורה. **אזוי אויך האט אלול-תשרי א צורה.**

מען דארף האבן די אמונה פשוטה אז דער אייבערשטער טוט פאר אונז און ער האט אונז ליב, אבער דער אייבערשטער היט נישט אונזערע מצוות אויב מיר טוען נישט קיין פעולה. מצוות דארף מען באקן וויאזוי מען דארף באקן, און אלול-תשרי דארף מען האבן א צורה פון אלול-תשרי. אונזער דיבור דארף זיין אפגעהיטן, אונזער מחשבה דארף זיין אפגעהיטן, און דער שטערן דארף זיין אן אנגעצויגענער - נישט קיין פארביטערטער און נישט קיין זויערער. מאכט נישט קיין טעות און שטעלט עס נישט צוזאמען: אן אנגעצויגן לעכטיג פנים און א זויער פנים זענען צוויי אנדערע צורות.

אזוי ווי א מחותן ביי די חופה פון זיין קינד האט א פרייליך-אנגעצויגענע צורה, משא״כ ווען ער שטייט ביי א שווערע זאך, ווי א לוי׳ רחמנא ליצלן, האט ער א פארזארגטע זויערע צורה. מיר דארפן נישט קיין פארזארגטע צורה, נאר א פרייליכע אבער ערנסטע צורה. דאס איז אן אלול-צורה, א תשרי-צורה, און דאס איז אונזער אמונה פשוטה.

דער יוד הקדוש פון פשיסחא האט געזאגט, און דער חידושי הרי״ם האט עס איבערגעזאגט, א הפלא׳דיגע זאך: ווען ער וואלט געוואוסט אז עס איז א טובה פאר אידישע קינדער צו האבן גילוי אליהו, וואלט ער געבעטן פונעם אייבערשטן אז אלע אידן זאלן האבן גילוי אליהו.

האט דער חידושי הרי״ם צוגעלייגט: איך וועל צולייגן אז ווען אליהו הנביא אליין זאל וויסן אז עס איז א טובה פאר כלל ישראל, וואלט ער זיך מגלה געווען, ווייל אליהו הנביא איז זיך מפקיר פאר כלל ישראל, ווי ער האט געזאגט ״הריני כפרת ישראל״.

נאר וואס דען? עס איז ברור אז עס איז נישט קיין טובה פאר כלל ישראל. תפילין לייגן איז יא א טובה, ציצית איז יא א טובה, אבער גילוי אליהו נישט; דערפאר איז נישט דא קיין גילוי אליהו. וואס ווילן מיר ארויסברענגען? דאס איז אונזער אמונה פשוטה: אז יעדע זמן וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אן עבודה, דאס איז די עבודה. אונזער עבודה איז נישט קיין הויכע מדרגות אדער גילוי אליהו, און אויך נישט קיין תעניתים וסיגופים, אבער אין אלול און תשרי דארף די מחשבה, דיבור ומעשה זיין אלול׳דיג און תשרי׳דיג.

## דער תפקיד פונעם מענטש און נישט אנטלויפן

איך האב געהערט נאכזאגן פון אן אייניקל פונעם גאון דער סטייפלער זצ״ל, וועלכער האט דערציילט אז אין די עלטערע יארן האט ער באדינט זיין זיידן. עס פלעגן קומען זייער אסאך מענטשן נאך עצות, שאלות און ברכות. ער איז געווען דער גדול הדור, און עס איז ממש נישט געווען קיין צייט פארן זיידן זיך אביסל אפצואטעמען. דער אייניקל האט געציטערט פארן זיידנס געזונט אין זיין הויכן עלטער, פלעגט ער כסדר צושליסן די טיר כדי דער זיידע זאל האבן אביסל מנוחה. ווען דער סטייפלער פלעגט באמערקן אז די טיר איז פארשלאסן, פלעגט ער לויפן עס עפענען. אזוי איז עס געגאנגען: דער סטייפלער עפענט, און ווען דער אייניקל זעט אז דער זיידע באמערקט נישט, פארמאכט ער עס צוריק.

## די הנהגה פונעם סטייפלער גאון

איינמאל האט דער סטייפלער געזאגט פארן אייניקל: ״שפאר נישט צו די טיר!״ האט דער אייניקל אים געוויזן אז ער איז שוואך און ער דארף זיך אפרוען, און עס איז נישט געזונט אויפצונעמען אזא גרויסן עולם אן א הפסק.

**האט אים דער סטייפלער געזאגט די ווערטער: ״פון וואו ווייסטו אין וועלכן זכות איך לעב? כלומר: ווער האט דיר געזאגט אז איך לעב און אויפנעמען מענטשן? אפשר איז דאס מיין גאנצער זכות?״**

עס קומען די הייליגע טעג, און מענטשן מאכן חשבונות וואס זיי קענען יא באוויזן און וואס נישט. אבער געדענק, יעדן חשבון דארפסטו טאקע מאכן, אבער אפשר לעבסטו טאקע פונקט פאר דעם? אויב דו ווייסט אז פאר דעם לעבסטו, קענסטו עס דאך באוויזן, יא? וואס מען מוז טון צום לעבן, קען דאך יעדער איינער.

עס זענען דא אזויפיל זאכן וואס גייען אדורך דורכאויס דעם יאר וואס מיר זענען מזלזל אין זיי, מיר זענען זיך מתרשל אין זיי, אדער מיר ווילן זיך פשוט ארויסדרייען פון זיי. טראכט א מינוט: ווער האט דיר געזאגט אז דיין אריכות ימים, דיין הצלחה אין תורה, דיין הצלחה אין עבודה און דיין דביקות הבורא ליגט נישט פונקט אין דעם? אפשר הענגט אלעס טאקע אין דעם?

מען דארף סיעתא דשמיא, מען דארף אסאך תפילה, מען דארף זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן ״והאר עינינו״ – מיר זאלן וויסן וואס יא און וואס נישט. אבער דער יסוד איז: לויף נישט אוועק. לויף נישט פון גארנישט. פרוביר זיך נישט אוועקצודרייען פון קיין שום זאך אין דער וועלט וואס דו זעסט אז דער אייבערשטער לייגט ארויף אויף דיר, ווייל דו ווייסט נישט צי דאס איז דיין תפקיד און דיין תכלית. זאלסט נישט זאגן אז יענער שטערט דיך, ווייל אפשר ברענגט יענער דיר גאר דיין לעבן. זאלסט קיינמאל נישט טראכטן אז דער פלאץ שטערט דיך אדער יענער שטערט דיך, און אז ערגעץ אנדערש וואלט געווען בעסער איך וייס נישט וואס עס וואלט געווען און וואו עס וואלט געווען. א מענטש ווייסט נישט; מען דארף בעטן דעם אייבערשטן.

אבער דאס איז זיכער: מען דארף הארעווען אויף סבלנות און הארעווען אויף אמונה. דאס האט רבי אליהו לאפיאן געמיינט – די אמונה פשוטה פון מקבל זיין די מצבים, די מקומות, און יעדע זאך וואס דער אייבערשטער שיקט אונטער די האנט. דאס איז אן עבודה וואס מיר דארפן נעמען אויף זיך אלס א הכנה צו די ימי הרחמים והרצון און צו די ימי הדין.

מען דארף זיך אריינטראכטן: וואס זענען געווען מיינע דורכפעלער א גאנץ יאר? דאס איז געקומען ווייל איך האב שטענדיג געמיינט אז דאס וועט מיר שטערן און יענס וועט מיר ראטעווען. טראכט יעצט איבער: וויפיל זאכן האסטו נישט געטון אדער יא געטון כדי עס זאל דיך נישט שטערן? יעצט וויז מיר וואו דו ביסט אנגעקומען? וואו ביסטו אנגעקומען? אין ערגעץ נישט. מען קען נישט אנטלויפן. אינדערהיים פלעגט מען זאגן: ״פונעם באטש (שטעקן) פונעם באשעפער קען מען נישט אנטלויפן.״ פון דעם רצון השם און פונעם תפקיד החיים אנטלויפט מען נישט. מיר דארפן זיך נעמען א תכלית און א יסוד: אונזער ארבעט אויף דער וועלט איז נישט צו אנטלויפן.

איך האב אמאל געהערט פון א איד, רבי שמעון שפירא ע״ה, ווען איך האב אים געפרעגט צי ער גייט מאכן עקסערסייז (לויפן), האט ער געזאגט: ניין! ווייל ווען מען מאכט די עקסערסייז פון לויפן, ווייל מען דאך אנקומען שנעל, ער וויל נישט גיין אזוי שנעל דארטן, ער וויל זייער שטארק גיין אבער מען וויל נישט אנקומען שנעל.

א מענטש מיינט אז מען לויפט אהער און מען לויפט אהין, אבער מען קומט אן וואו מען דארף נישט אנקומען. אנטלויף נישט. מיר טרעפן נישט אין די תורה דעם ענין פון אנטלויפן, אויסער פון שקר – ״מדבר שקר תרחק״, דאס שטייט אין די תורה. חוץ פון עבירות שטייט נישט אז מען דארף פון עפעס אנטלויפן. א מענטש זאל נישט לויפן און נישט אנטלויפן. א מענטש דארף זיך מעמיק זיין אין זיין תפקיד און זיך מעמיק זיין אין דינען דעם אייבערשטן בכל עת ובכל מקום ובכל זמן. מאך א חשבון און וועסטו זען אז רוב רובא, אויב נישט אלע פון די אלע ״אנטלויפער״ – נו, וואו ביסטו אנגעקומען? דו קענסט מיר געבן א חשבון? דו ווייסט אליין וואו דו ביסט אנגעקומען.

## די עבודה פון מלכיות און המלכת הבורא ראש השנה

דער משגיח פון ישיבת סלאבאדקע האט געזאגט אזוי: לכאורה איז שווער א קשיא. מיר זאגן די צען פסוקים פון מלכיות: דריי מן התורה, דריי מן הנביאים, דריי מן הכתובים, און מען ענדיגט נאכאמאל מיט א פסוק מן התורה. צווישן די פסוקים איז אויך דא ״שמע ישראל״. לכאורה, ״שמע ישראל״ זאגן מיר דאך יעדן טאג – מען זאגט עס אינדערפרי, מען זאגט עס ביינאכט, ביי אונז זאגט מען עס ביי ברכת התורה און מען זאגט עס ביי קריאת שמע. פיר מאל א טאג זאגט דאך יעדער איינער קריאת שמע, לכל הפחות.

וואס איז דער חילוק צווישן די קריאת שמע וואס מען זאגט פיר מאל א טאג – די צוויי מאל מדאורייתא – צו דעם וואס מען זאגט עס ביי די פסוקים פון מלכיות?

האט דער משגיח פון סלאבאדקע ארויסגעברענגט א פלא׳דיגע זאך. ער האט געזאגט אזוי: ער פרעגט נאך א שאלה – בעצם איז דא א גרויסער חילוק ווען מיר זאגן עס ראש השנה אדער ווען מיר זאגן עס יעדן טאג. פארוואס? יעדן טאג איז עס א מצוה דאורייתא, אבער ראש השנה איז עס א דרבנן ווייל עס איז ביי דער תפילה. ביי שמונה עשרה האבן מיר אסאך הארבערע הלכות ווי ביי קריאת שמע וואס איז א דאורייתא. יא, ביי שמונה עשרה דארף מען שטיין מיט די פיס צוזאמען און מען טאר נישט ארויסקוקן – עס איז פיל הארבער ווי קריאת שמע. יעצט שטעלט זיך א שאלה: די ראש השנה׳דיגע קריאת שמע וואס איז א דרבנן איז אויף א פיל העכערער מדרגה, ווייל איך זאג עס ביי שמונה עשרה, מער ווי ווען איך זאג די גאנצע צייט א קריאת שמע וואס איז א דאורייתא. וואס איז דער פשט פון דעם?

ער האט געזאגט א הפלא׳דיגע זאך: ביי א סתם קריאת שמע רעדט א מענטש צו זיך אליין. ער זאגט פאר זיך ״ואהבת את ה׳ אלקיך״ – האב ליב דעם אייבערשטן; ער זאגט פאר זיך ״שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״ – ער איז געווען, איז און וועט זיין, ״אין עוד מלבדו״, ער איז דער תקיף ובעל היכולת ובעל הכוחות כולם. ער רעדט צו זיך און לייגט אריין אין זיך דעם עול מלכות שמים.

אבער ווען ער שטייט ראש השנה ביים דאווענען, וואס זאגט ער דא? די פסוקי מלכיות. דער אייבערשטער האט געזאגט ״אמרו לפני מלכיות״. ראש השנה שרייען מיר אויס צום באשעפער: ״דו ביסט מלך!״ עס איז נישט נאר אז איך לייג עס אריין אין מיר, נאר איך שאל, איך שריי, און איך בין מפרסם. כביכול, מיר זענען ממליך דעם

הקדוש ברוך הוא. ער זאגט אז דאס איז א פיל הארבערע מדרגה, און אויף דעם דארף מען זיין אין א פיל גרעסערער מדרגה.

און דאס דארף א מענטש צו וויסן: די עבודה איז זיך צוגרייטן. א גאנץ יאר ארבעט מען טאקע אויף זיך און מען ארבעט אויף עול מלכות שמים, **אבער ווען עס קומט ראש השנה, כדי מען זאל קענען זיין גרייט אויסצושרייען מלכות פארן אייבערשטן אינגאנצן ארויס פון זיך, ארויס ממליך זיין – ״אמרו לפני מלכיות... כדי שתמליכוני עליכם״ – מיר שרייען ״מלך״ פארן אייבערשטן. דאס איז גאר אן אנדערע בחינה, א פיל העכערע מדרגה**. דעמאלטס שטייען מיר מיט צוזאמגעשטעלטע פיס ווי די מלאכים, און דעמאלטס זענען מיר אויף א גאר הויכער מדרגה. צו דעם אלעם דארף מען זיך צוגרייטן און זיך ארייינטראכטן, און א מענטש קען דאס נישט זוכה זיין סתם אזוי. אויף דעם דארף מען הארעווען אין די טעג: מיט זאגן תהלים, מיט תפילה, מיט מצוות ומעשים טובים, מיט מוסר וחסידות, מיט צמצום המוח און מיט מאכן א חשבון הנפש. וועט דער אייבערשטער העלפן אז מיר וועלן זוכה זיין צו דעם, און מיר וועלן מסיים זיין מיט א ברכה.

## דער לימוד זכות אויף אידישע קינדער אין גלות

דער הייליגער מונקאטשער רב, און ״חיים ושלום״, ברענגט אויף די וואכעדיגע פרשה דעם פסוק: ״תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל״. ער פרעגט די באקאנטע קשיא: קומט זיך דען אזא שווערן עונש נאר ווייל מען האט נישט געדינט דעם אייבערשטן מיט שמחה?

ער ענטפערט אזוי: עס זענען דא מענטשן וואס זענען בטבע באזארגט און טרויעריג, און עס זענען דא מענטשן וואס האבן טאקע שווערע טרדות אין דעם ביטערן גלות. די תורה איז דאך נצחיות און זי איז געגעבן געווארן פאר יעדן איינעם ביזן סוף פון אלע דורות. זאגט ער, דער אמת איז טאקע אז מען טאר נישט זיין בעצבות, אבער וואלט דער רבונו של עולם געגעבן אזא הארבן עונש אפילו אזוי שפעט אין דעם שווערן און פארביטערטן גלות? אלא מאי, זאגט ער, מיר ווייסן דאך אז די תוכחה איז באמת ברכות, עס איז א מליצת זכות אויף כלל ישראל.

ער זאגט אזוי: מיר זאגן פארן אייבערשטן, ״תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל״ – ווייסטו פארוואס מיר זענען נישט בשמחה? ווייל ״ועבדת את אויביך אשר ישלחנו ה׳ בך ברעב ובצמא ובעירום ובחוסר כל״. רבונו של עולם, דו האסט אונז ארייינגעשיקט אין דעם גלות, און דער אייבערשטער אליין איז דאך ״שכינתא בגלותא״. מיר דינען דא גויים און מיר קענען נישט דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין, דערפאר זענען מיר אזוי צוזאמגעבראכן. מיר זאגן פארן אייבערשטן: דו ווייסט פארוואס מיר זענען נישט בשמחה? נישט חלילה ווייל מיר האבן אייגענע צער, נאר ״ועבדת את אויביך״ – ווייל מיר דינען דעם אויב, ווייל מיר זענען אין גלות און מיר זענען משועבד אונטערן גוי; דאס איז וואס עס שטערט אונז און דאס טוט אונז וויי.

אזוי טייטשט אויס דער הייליגער מונקאטשער רב, אז א מענטש דארף וויסן אז בעצם דארף מען זיין בשמחה. עס איז נישט דא קיין שום אנדערע וועג וויאזוי א מענטש קען זוכה זיין צו אלע טובות, ברכות און ישועות, נאר דורך שמחה.

אבער וואס מיר זאגן פארן אייבערשטן אלס א מליץ יושר פאר אידישע קינדער און אלס א בקשה איז: רבונו של עולם, מיר טראכטן אריין אין דעם ״עמו אנכי בצרה״, מיר טראכטן אריין וויפיל שיעבודים מיר האבן דא פאר די שרי המלוכה, פאר די מלכות פון דעם גלות און פאר די שרי האומות. דאס צוברעכט אונז און דאס צוקלאפט אונז, און דאס אליין איז א תפילה צום אייבערשטן. ער ברענגט ארויס אז מיר וויינען און בעטן זיך ביים אייבערשטן אז ער זאל שוין רחמנות האבן אויף די שכינה הקדושה וואס געפינט זיך אין גלות.

## ברכות וישועות פארן נייעם יאר

זאל דער הייליגער באשעפער העלפן, אין דעם זכות וואס מיר האבן דאס פשוט אויסגעשמועסט, און פאר דעם אליין וואס די ווערטער זענען געזאגט געווארן, זאל דער אייבערשטער העלפן מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו א גוטע כתיבה וחתימה טובה. מיר זאלן זוכה זיין צו א גוט, געבענטשט, לעכטיג, פריילך און לוסטיג יאר.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א פתיחת המוח והלב, מיר זאלן קענען באמת תשובה טון און זוכה זיין ״לעבדך באמת״. מיר זאלן זוכה זיין צו חיים ארוכים, חיים של שלום, חיים של טובה און חיים של ברכה.

עס זאלן זיין זיווגים הגונים פאר אלע אידישע קינדער, אורה ושמחה, און זרע של קיימא. עס זאל שוין לייכטן א אור אין יעדע אידישע שטוב, פרנסה ברווח און שילום החובות. דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין שפע, ברכה והצלחה, און צינורות פון השפעות. דער אייבערשטער זאל משפיע זיין ישועות, רפואות, אריכות ימים, אך טוב וחסד, און בשורות טובות אן קיין צער און אן קיין עגמת נפש.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטן מתוך ששון ומתוך שמחה, מיט אמונה פשוטה אינעם הייליגן באשעפער.

מיר זאלן זען ערליכע אידישע דורות, אהבה ואחוה שלום ורעות, ברוחניות ובגשמיות, געזונט, פרנסה און נחת. אלע גזירות רעות זאלן בטל ומבוטל ווערן כעפרא דארעא. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן די פרייזן זאלן פאלן און די פרנסות זאלן ארויפגיין. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטן, און מיר זאלן זוכה זיין זיך מקרב צו זיין צום באשעפער, ״לעבדך באמת ובלבב שלם, ותעלה ביני לעבדך באמת״. מיר זאלן זוכה זיין ״לאוקמא שכינתא מעפרא״, לייחד שם י״ה בו״ה בייחודא שלים בשם כל ישראל, בביאת משיח צדקינו במהרה דידן אמן.